בס"ד



# דעם רבינ'ס ליכט

אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

נצבים תשפ"א
גליון 58

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פאר אַלע לעכטיגע קינדער.**

מיר שטייען שוין אין די העכסטע טעג פון יאָר, די טעג וועלכע ווערן אָנגערופן יְמֵי הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת. חז"ל זאָגן אויפן פָּסוּק "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב", דער נביא זאָגט פאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: - "ווען דער אויבערשטער איז נאָנט, דאַרף מען זיך דערנענטערן צו אים" - אַז אין די צען טעג פון עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, איז דער אויבערשטער נענטער צו אונז מער פון אַ גאַנץ יאָר.




דער רבי זאָגט (תּוֹרָה א' חֵלֶק ב') אויף די מִשְׁנָה אין מַסֶּכֶת אָבוֹת "אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ", דו זאָלסט נישט דן זיין און מִשְׁפְּטְ'ן דיין חבר ביז דו וועסט זיין אויף זיין פְּלאַץ און אין זיין מַצָּב. ווער קען דען אָנקומען און וויסן דעם חבר'ס מצב? נאָר דער אויבערשטער וואס ווערט אָנגערופן מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם, - דאס הייסט אַז דער אויבערשטער איז די פְּלאַץ פון דער וועלט, - נאָר דער אויבערשטער אַליין קען אונז מִשְׁפְּטְ'ן און דן זיין ווייל ער איז דער "בַּעַל הָרַחֲמִים" ער איז זיכער מְקַיֵּים אויף אונז די מִשְׁנָה "הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת", ווייל יעדער איינציגער איד האט אַ פְּלאַץ ביים אויבערשטן.

מיר זען דאס רַחֲמָנוּת פון באַשעפער, אַז ער האט באַשטימט דעם יום הַדִּין פונקט אינעם טאָג "ראֹשׁ חֹדֶשׁ" דער טאָג ווען דער אויבערשטער אַליין בעט אַ פאַרצייאונג "הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה - פאַר'ן פאַרקלענערן די לְבָנָה", אַזוֹי דאַרפן מיר זיך נישט שעמען צו בעטן פון באַשעפער מְחִילָה אויף אונזערע זינד, און מיר קענען חֲרָטָה האָבן אויף זיי.

עס ווערט געברענגט אין די פּוֹסְקִים און ווערט געפסק'נט אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (סִימָן תקצ"ז) אַז ראֹשׁ הַשָּׁנָה דאַרף מען עסן און טרינקען און זיין פְרֵיילִיך. מען שערט זיך אָפּ ערב ראֹשׁ הַשָּׁנָה צו ווייזן אַז מיר זענען זיכער אַז מיר וועלן אַרויסגיין זַכַּאי בַּדִּין.

דער רבי זאָגט אין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה כ"א) אַז ראֹשׁ הַשָּׁנָה דאַרף מען זיין קְלוּג און טראַכטן נאָר גוטע מַחֲשָׁבוֹת, אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן מיט אונז נאָר גוטע זאַכן. דער רבי זאָגט דאַרף אַז ראֹשׁ הַשָּׁנָה דאַרף מען זיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי אויך דאַרף מען וויינען און רעדן וואס ווייניגער דעם ערשטן טאָג.

המשך אויף זייט 4

**רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארץ זַצַ"ל** אִיז גֶעבּוֹירְן כ"ג נִיסָן תרכ"ב אִין בְּרֶסְלֶב, אוּקְרַיינֶע, צוּ זַיין פָּאטֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי שַׁכְנָא זַ"ל, בֶּן רֶבִּי נָתָן זי"ע. זַיין מוּטֶער מָרַת דְּבוֹרָה ע"ה, אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי נַחְמָן מִטְּשֶׁערִין זי"ע,

אַלְס קְלֵיין קִינְד, אַפָּאר חֳדָשִׁים נָאכְן גֶעבּוֹירְן, אִיז זַיין מַאמֶע נִפְטַר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אַ קְלֵיין יָתוֹמ'ל. עֶר אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען בַּיים זֵיידְן דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְגֶעזַאפְּט תּוֹרָה אוּן חָכְמָה, עֶר הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט רוֹב חֶלְקֵי הַתּוֹרָה מִיט גְרוֹיס פְּלַייס.

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט רֶבִּי נַחְמָן טְשֶׁערִינֶער ז"ל אַרַיינְגֶעפִּירְט דָאס אֵיינִיקְל אִין רֶבִּי'נְס תּוֹרוֹת, הֱיוֹת רֶבִּי נַחְמָן טְשֶׁערִינֶער ז"ל הָאט נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ רֶבִּי נָתָן, אַזוֹי אַז ר' אַבְרָהָם הָאט גֶעקֶענְט אַיינְזַאפְּן פוּנֶעם זֵיידְן אוּן זַיין אַ כְּלֵי רִאשׁוֹן הֶערְנְדִיג פוּן אִים הַנְהָגוֹת אוּן סִפּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן.

רֶבִּי אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן בְּלוֹיז 22 יָאר אַלְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְעס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה בַּיים קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם פָּאסְטְן נָאכְדֶעם וָואס רֶבִּי נַחְמָן מְטוּלְטְשִׁין אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אִיז עֶר פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן גֶעוֶוען דֶער "בַּעַל תְּפִלָּה" אִין אוּמַאן אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיף אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אנ"ש זֶענֶען גָאר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הַארְצִיגֶע אוּן לוֹיטֶערֶע תְּפִלּוֹת.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל שְׁטֶעלְט פַאר זַיין עֶרְשְׁטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, יָאר תרע"ה, דִי תְּפִלּוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין קְלוֹיז, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה, צוּם עֶרְשְׁט פְלֶעגְט מֶען גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, אַ שָׁעָה נָאךְ חֲצוֹת אִיז שׁוֹין ר' אַבְרָהָם אַרִיבֶּער אִין קְלוֹיז זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אַלְס שְׁלִיחַ צִבּוּר צוּ זָאגְן דִי סְלִיחוֹת. ווי נָאר ר' אַבְרָהָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגְן שַׁאֲגַת אֲרִי דֶעם פָּסוּק "אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ" הָאט דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם דוּרְכְגֶענוּמֶען אַ צִיטֶער, **'עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק רֹאשׁ הַשָּׁנָה'!**

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וָועלְכֶע זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן זֶענֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן הֶערְנְדִיג דֶעם מֶעכְטִיגְן גֶעשְׁרֵיי פוּן ר' אַבְרָהָם'ן אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אִין קְלוֹיז, הֶערְנְדִיג זַיין שְׁטִימֶע וָואס הָאט גֶעדוּנֶערְט אִין חָלָל פוּן קְלוֹיז. וֶוען טְרֶערְן רִינֶען אִים פוּן דִי אוֹיגְן אוּן זַיין הַארְץ גִיסְט ווִי וַואסֶער.

ר' לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט, אַז דֶעם גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אִים נָאךְ גֶעקְלִינְגֶען דִי סְלִיחוֹת אוּן דִי אוֹיעֶרְן. עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **'אַנְדֶערֶע ווִינְטְשְׁן זִיךְ אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִי בַּיי אִים עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה',** אַזַא פֵייעֶר הָאט גֶעבְּרֶענְט דָארְט.

נָאךְ הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט אַז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען פַאר'ן עַמּוּד אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי "וַיְדַבֵּר" הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַזַא הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אִים אַיינְגֶעפֶּעדֶעמְט דֶעם גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בַּיי ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ חִידּוּשׁ ווייל אִין פּוֹילְן פְלֶעגְט מֶען אַרַיינְקוּמֶען צוּ מַעֲרִיב אָבֶּער אִין אוּמַאן הָאט עֶר דָאס גֶעזֶען עֶרְשְׁטֶע מָאל, ווִי דִי שׁוּל הִילְכְט שׁוֹין אוֹיךְ בַּיים זָאגְן קְטֹרֶת בְּכַוָּונָה, וָואס הָאט גֶעהַאט אַזַא אֵייגְנַארְטִיגְן גֶעשְׁמַאק.

אַמָאל, אִיז אַ מַשְׂכִּיל אַרִיבֶּער דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער שׁוּל אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען ר' אַבְרָהָם הָאט גֶעדַאוְונְט פַאר'ן עַמּוּד, יֶענֶער אִיז פּוּנְקְט אַרַיין וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי 'לְקֵל עוֹרֵךְ דִּין', הָאט דֶער מַשְׂכִּיל שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: **"וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוויינְט? דִי וֶוענְט הָאבְּן גֶעוויינְט!"** דָאס הִתְעוֹרְרוּת הָאט צוּשָׁאקְלְט דֶעם מַשְׂכִּיל בִּיזְן טִיפֶענִישׁ פוּן זַיין נְשָׁמָה.

יֶענֶעם יָאר תרע"ה אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְן זוּנְטָאג נַאכְט, אַ שַׁבָּת פְרִיעֶר הָאט שׁוֹין ר' אַבְרָהָם גֶעדַאווְנְט פַאר'ן עַמּוּד, כָאטְשׁ אַ בַּעַל תְּפִלָּה הִיט זִיךְ גֶעווֶענְלִיךְ דִי כּוֹחוֹת אוּן שְׁטִימֶע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מָאנְטָאג נַאכְט, מִיטְל נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט ר' אַבְרָהָם פַארְגֶעלֶערְנְט אֵיינֶע פוּן דִי לַאנְגֶע גְרוֹיסֶע תּוֹרָה'ס פוּן "תִּקְעוּ מֶמְשָׁלָה" (סִימָן א' ח"ב) "תִּקְעוּ אֱמוּנָה" (סִימָן ה' ח"ב) "תִּקְעוּ תּוֹכָחָה" וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט הוֹיךְ מִיט אַ מֶעכְטִיגֶע שְׁטִימֶע, ווִי אֵיינֶער וָואס דַאווְנְט פַאר'ן עַמּוּד, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר נָאךְ גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב פַאר'ן עַמּוּד.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



## מִזְמוֹר לְתוֹדָה

פַאר אִיךְ שְׁרֵייבּ מַיין בְּרִיוו, ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקְן פַאר דִי וֶועלְכֶע גֶעבְּן אַרוֹיס "דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט", דִי כּוֹחוֹת וָואס זֵיי לֵייגְן אַרַיין.

מִיט לוֹיבּ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מַיין נָאמֶען אִיז אַבְרָהמִי, אִיךְ לֶערְן אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֵדֶר. אִין יָאר תש"פ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ טִיקֶעט צוּ פָאְרן קַיין אוּמַאן, אִין דֶעם טָאג הָאט מַיין טַאטֶע גֶעהַאט אַ פִּדְיוֹן הַבֵּן, [מִיר זֶענֶען כֹּהֲנִים] אוֹיפְן וֶועג צוּם פִּדְיוֹן הַבֵּן הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט דִי בְּשׂוֹרָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָאְרן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. גְלַייךְ נָאכְן פִּדְיוֹן הַבֵּן בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם סְפָרִים שַׁאפֶע אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְוֵויינֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְן עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיר אַרַיינְגֶעשַׁייְנְט אַ גֶעדַאנְק, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ זַאמְלֶען "מִזְמוֹר לְתוֹדָה", אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טַבְלָה אוּן זִיךְ אַייְנְגֶעזַאמְלְט אַסַאךְ מָאל קַאפִּיטְל 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה' מֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע תְּקוּפָה. זֶעקְס וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ב הָאט מַיין טַאטֶע מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט פַאר מִיר אַ טִיקֶעט קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זַאמְלֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מִזְמוֹר לְתוֹדָה'ס, אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גֶעדַאנְק אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְנֶעמֶען אִין דֶעם גֶעשֶׁעפְט נָאךְ קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זָאגְן אַסַאךְ מָאל מִזְמוֹר לְתוֹדָה. דִי עֵצָה אִיז אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר יֶעדְן אִינְגְל אַז אִין זְכוּת פוּן זַיין תְּפִלָּה וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט קַיין אוּמַאן, אַפָּאר קִינְדֶער הָאבְּן דָאס קוֹדֶם אָפְּגֶעלַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם עִנְיָן פוּן זַאמְלֶען אוּן אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ קִינְדֶער מִיטְגֶעכַאפְּט מִיטְן בַּאן אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען זָאגְן גָאר אַסַאךְ מָאל 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה'.

פַאר אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט סוֹף טָאג צְוֵויי טוֹיזְנְט מָאל מִזְמוֹר לְתוֹדָה, נָאךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל שׁוּתְּפִים הָאבּ אִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען פוּן דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג כִּמְעַט צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מָאל מִזְמוֹר לְתוֹדָה!! בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען בעז"ה אוּן צַאמְגֶענוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסְן צָאל פוּן 'הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מָאל מִזְמוֹר לְתוֹדָה!!'

אִין דֶעם זְכוּת בִּין אִיךְ טַאקֶע גֶעפָאְרן קַיין אוּמַאן אַסַאךְ פְרִיעֶר ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער יָאר, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא יֶעצְט אִין אוּמַאן גָאר אַ גְרוֹיסֶער קִבּוּץ. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מְשִׁיחַ זָאל קוּמֶען מִיט וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען זֶען מִיטְן רֶבִּי'ן בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ.

יִישַׁר כֹּחַ　　　　אַבְרָהמִי

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הָאבְּן אִים פָארְגֶעוָוארְפְן: "ר' אַבְרָהָם אִיר דַארְפְט זִיךְ הִיטְן פַאר אַ גוּט אוֹיג! אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַ תּוֹרָה הוֹיךְ אוֹיף אַ בִּימָה אוּן דִי גַאנְצֶע שׁוּל זָאל הֶערְן, אוּן נָאךְ אַזַא תּוֹרָה ווִי תִּקְעוּ תּוֹכָחָה!" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, דֶער רֶבִּי אִיז אַ טוֹב עַיִן, כְ'הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא!"...

מִיר קִינְדֶער הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת וָואס מְ'הָאט גֶעזֶען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, אָבֶּער דָאס גוּט אוּנְז אַ בְּלִיק אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קִבּוּץ. מִיר קֶענֶען בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן צוּ זַיין אֶמֶתְ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, פְרֵיילִיכֶע אִידְן אוּן זַיין דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע לַייט, בִּפְרָט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען יֶעדֶע הָארֶעלֶע אוּן תְּנוּעָה וָואס אַ אִיד מַאכְט אִיז גָאר גָאר טַייעֶר אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הֲנָאָה אוּן הִתְפָּאֲרוּת. לָאמִיר בֶּעטְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זָאלְן קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת יֶעדֶער אִינְגְל וואוּ עֶר דַאוְונְט, זָאל עֶס זַיין מִיט הִתְקַשְּׁרוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין קִבּוּץ. אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ לֶעכְטִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אַ זִיס גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פַאר אוּנְז אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

# לאמיר זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ניינטע מעשה (3)
## דער חכם מיטן תם

ראש השנה דארף מען טראכטן נאר גוטע מחשבות וואו שטייט עס?? (תשובה אינעם היינטיגן גליון)



**א. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**
- ❑ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ❑ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווער האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**
- ❑ א תם.
- ❑ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**
- ❑ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ❑ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ❑ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ד. וואס האט מען געזאגט פארן גאבירניר אויפן חכם?**
- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ❑ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ה. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען?**
- ❑ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ❑ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**
- ❑ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ❑ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ❑ ער זאל שנעל קומען צום קעניג'ס פאלאץ.

**ז. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד?**
- ❑ ווייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ❑ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ❑ ווייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ח. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה?**
- ❑ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ❑ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ❑ מיט ישוב הדעת.

**ט. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**
- ❑ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ❑ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ❑ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**י. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**
- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ ער האט געלערנט נאר לשונות אן חכמות.

**יא. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**
- ❑ ווייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ❑ ווייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יב. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**
- ❑ פאר א שר האוצרות.
- ❑ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ❑ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטעריס.

**יג. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**
- ❑ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ❑ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ❑ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

**יד. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**
- ❑ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ❑ ווייז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ❑ווארט און נעכטיג דא איבער.

**טו. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט?**
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא חכם ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא עושר ווי איך.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**
- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ❑ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ❑ ______________________________.

**איז ער דעם מלך זייער וואויל גיפעלין - מיט אסאך הצלחה!!!**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

02-5-3333-72

646-518-1095

1-518-329-9149

המשך פון זייט 1

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן מִיט אַזַא תַּלְמִיד וִוי ר' נָתָן וָואס גֶעבְּן אוּנְז אוֹיף יֶעדְן מִצְוָה אוּן אוֹיף יֶעדְן יוֹם טוֹב, אוּן יֶעדֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִמוּדִים, דְרָכִים אוּן הַנְהָגוֹת פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָב, סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער אִינְגְל צוּ אַ קְלֵיינֶער, אָדֶער פַאר אַ גְרוֹיסְן צַדִיק אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַ שְׁוַואכְן אִיד, צוּ מֶען אִיז גֶעזוּנְט אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, צוּ אִיז דָאס אִין דֶערְהֵיים אָדֶער אִין דְרוֹיסְן, וֶוען סְ'אִיז לֶעכְטִיג אָדֶער וֶוען סְ'אִיז חָלִילָה פַארְטוּנְקְלֶט. מִיר פַארְמָאגְן מִילְיָאנֶען אוֹצְרוֹת פוּן דִיבּוּרִים, תּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת אוּן שִׂיחוֹת, הֲלָכוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת, הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוְון. לָאמִיר לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר אָנְהֵייבְּן נוּצְן אֲפִילוּ נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶועל מִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דָאס יָאר זָאל שׁוֹין זַיין אַ שְׁנַת גְאוּלָה וִישׁוּעָה בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת פַאר יֶעדְן אִיד. אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל שׁוֹין וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ, אוּן נָאר אִים דַארְף מֶען דִינֶען, חוּץ פוּן דֶעם אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן, עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן כִּי בְשִׂמְחָה תֵצְאוּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (תּוֹרָה כ"ד) אַז דוּרְךְ שִׂמְחַת הַמִּצְוֹות נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן גָלוּת. אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה פַאר אוּנְז אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אָמֵן.